**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 2/15/2026 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט 1.2 מיליאן דאלאר פאר היסטאריע צענטערן אריבער ניו יארק סטעיט**

***1 מיליאן דאלאר פאר Weeksville Historical Center צו פארזיכערן אנגייענדע אפהיטונג ארבעט און אויסברייטערן השפעה אין קאמיוניטי***

***$200,000 פאר Eastville Historical Society צו רענאווירן געביידע'ס אונטערשטע שטאק צו ווערן אן אפענע פלאץ פאר מערערע באנוצן מיט ווארקשאפס, קלאסן און זעהבארע סטארעדזש***

***בויט ארויף אויף די גאווערנער'ס באמיאונגען צו שטיצן ארגאניזאציעס וועלכע הייבן אונטער שוואכערע מינאריטעט קאמיוניטיס אריבער די סטעיט***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט אנאנסירט 1.2 מיליאן דאלאר פאר היסטאריע ארגאניזאציעס אריבער ניו יארק סטעיט. די 1.2 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג רעכנט אריין 1 מיליאן דאלאר פאר Weeksville Historical Center צו פארזיכערן אנגייענדע היסטאריע אפהיטונג ארבעט אויפן ארט און צו ערלויבן די ארגאניזאציע צו אויסברייטערן איר השפעה אין די קאמיוניטי. אין צוגאב, שענקט די סטעיט $200,000 פאר Eastville Historical Society צו רענאווירן די געביידע'ס אונטערשטע שטאק צו ווערן אן אפענע פלאץ פאר מערערע באנוצן, מיט ווארקשאפס, קלאסן און זעהבארע סטארעדזש.

"ניו יארק סטעיט האט טיפע ווארצלען אין א רייכע היסטאריע, און עס איז קריטיש אז אונזערע שילער און קאמיוניטיס זאלן האבן די געלעגנהייט און פלאץ צו לערנען איבער די באדייטנדע מענטשן און באוועגונגען וועלכע האבן אויסגעפארעמט די געזעלשאפט אין וועלכע מיר לעבן היינט", **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "מיט די נייע פינאנצירונג, וועלן די צוויי ארגאניזאציעס קענען פארזעצן צו אפהיטן היסטאריש-באדייטנדע ערטער בשעת'ן צוריקגעבן פאר- און אויפהייבן די קאמיוניטיס ארום די ערטער."

Weeksville Historical Center – א 12,400-סקוועיר-פיסיגע איינריכטונג געווידמעט פאר קונסט, געניטע סקילס און היסטאריע אפהיטונג פאר ניו יארק סיטי פובליק סקול שילער – איז געגרונדעט געווארן אין 1838 און טראגט א נאציאנאלע באדייט, פלאצירט אין קראַון הייטס, ברוקלין. אלס איינע פון די עטליכע איבערבלייבנדע טונקל-הויטיגע קאמיוניטיס וועלכע זענען געווען פריי נאך בעפאר די ציווילע קריג אין די פאראייניגטע שטאטן, איז וויקסוויל א קריטישע זייל פון אמעריקאנע היסטאריע, עדזשוקעישען און געזעלשאפטליכע גערעכטיגקייט. כדי צו פארזיכערן די אנגייענדע אפהיטונג פון די פלאץ און אויסברייטערן די ארגאניזאציע'ס השפעה אין די קאמיוניטי, טוט די סטעיט שענקען 1 מיליאן דאלאר אין געלטער פאר אנגייענדע אפעראציעס צו שטיצן שטאב מיטגלידער, לייענען סקילס פראגראמען און טעגליכע חינוך'דיגע טורס. די סטעיט שענקט אויך 1 מיליאן דאלאר אין אינפראסטרוקטורישע פינאנצירונג פאר קריטישע אינפראסטרוקטור אויפרעכטונג פון די היסטארישע Hunterfly Road Houses און ארטיגע אויפהאלטונג. היינט, ווערט די ארט פארוואלטעט דורך די Weeksville Society און באשטייט פון.

די Eastville Historical Society איז א נאָן-פּראַפיט ארגאניזאציע געווידמעט צו אפהיטן און מיטטיילן די היסטאריע פון איסטוויל, און עס געפונט זיך אין א היסטאריש-באדייטנדע אפריקאנער-אמעריאנער, רויטע אינדיאנער און אייראפעאישער קאמיוניטי אין סעג הארבאר, לאנג איילענד. די ארגאניזאציע דאקומענטירט ביישטייערונגען, האלט אויף היסטארישע ערטער און קלערט אויף די פובליקום איבער איסטוויל'ס אייגנארטיגע ראלע אין אמעריקאנע היסטאריע, אריינרעכענענדיג איר מערקווירדיגע ארבעט מיטן פרעזערווירן די St. David AME Zion Cemetery, איינס פון די עלטסטע אפריקאנער-אמעריקאנער בתי קברות אין לאנג איילענד. די סטעיט שענקט $200,000 פאר Eastville אין נייע פינאנצירונג צו רענאווירן די אונטערשטע שטאק פון איר געביידע צו ווערן אן אפענע פלאץ פאר מערערע באנוצן, פאר ווארקשאפּס, קלאסן און זעהבארע סטארעדזש, געבויט אויף די מוסטער פון די New Hyde Park Roosevelt Library, צו שטופן פאר מער אינטערעסע צווישן די פובליקום און פארשונג צוטריט.

די אינוועסטירונגען בויען ארויף אויף גאווערנער Hochul'ס (האקול) באמיאונגען צו שטיצן אינסטיטוציעס וועלכע הייבן אונטער שוואכערע מינאריטעט קאמיוניטיס אריבער ניו יארק סטעיט.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן